לאדזשער טאגעבלאט

ד״ר רעדאקטאר נעמט-אן פון 6 ביז 7 אין אווענט.

נישט בעשטעלטע מאנוסקריפטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

אדרעס: Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16 Skrz. poczt. 16

טעלעפאנען: רעדאקציע 10057. אדמיניסטראציע 100.47

# ניי-יאהר וואונשען פון דער פוילישער פאליטיק

אלץ וועט אין פוילען געטוהן לויט די אבווייזונגען פון דעם גרויסען שע-פער—זאגט די „גאזעטא פאלסקא“—„גאז. ווארש. ווינשט זיך נייע וואהלען.— „ראבאטניק“ האט אין אין חלום געזעהן א נצחון און ווינשט זיך ווייטער אזעלכע נצחונות.—א יאהר של פרנסה ווינשט זיך דער „קוריער“.

די פוילישע פרעסע האט געלטען געברענגט יום-טוב׳דיגע ארטיקלען לכבוד ניי-יאהר, און, ווי דער שטייגער איז, זע-נען די אלע ארטיקלען געווען אנגעפי-קעוועט מיט ניי-יאהר וואונשען, ברכות ...

וואהלען“. קורץ און גוט, „גאזעטא ווא-רשאווסקא“ האלט, אז בארטעל׳ן וועט נישט געלינגען און אפשר וויל ער מא-כען גארנישט קיין צוזאמענארבייט מיט׳ן סיים און דערביי בלייבט נאר איבער ...

# א פיאנא, וואס שפילט מיט קאלירען

א מערקווירדיגע ערפינדונג, וואס קאן האבען א גרויסע בעדייטונג

פון ווין ווערט געמעלדעט:

בעראן אנאטאל וואל-גנאה-שול האט ערפונדען א נייעם מוזיקאלישען אינ-סטרומענט, א מין פיאנא, וואס פראדו-צירט די מוזיקאלישע טענער און פארם פון ליכט פון פערשידענע קאלירען און זייערע שאטירונגען. דעם אפאראט זיי-נעם האט ער לעצטענס דעמאנסטרירט אין דעם מוזיק-פעראיין-זאל, און ווען פאר א געקליבענעם עולם פון מוזיקער און געלעהרטע.

...

(ענדע — זייט 6)

# וואס פאר א פלענער וועגען ארץ-ישראל האט איצט די „לייבאר פארטיי“?

כאראקטעריסטישער ארטיקעל פון א בעריהמטען ענגלישען זשורנאליסט. — זיין פלאן פעסטצושטעלען די צאהל יודען, וואס זאלען האבען אריינקומען אין לאנד.

העגרי נאעל ברעילספארד, א בערומ-טער ענגלישער זשורנאליסט, וועלכער דרוקט געוועהנליך אום די מיינונגען פון דער „לייבאר פארטיי“ האט ערשט אפ-געדרוקט אין ניו-יארקער זשורנאל „מנורה“ א העלפט-וויכטיגען ארטיקעל, פון וועלכען מען קאן ארויסדרינגען, ווי די ענגלישע ארבייטער-רעגירונג וועט זיך בעציהען צו דער ארץ ישראל פראגע איצט, נאך דער ארבעט פון דער אויס-פארשונגס-קאמיסיע.

...

(ענדע זייט 6)

# א שטעטעל, וואס גרייט צו פארפיום פאר גאנץ פראנקרייך

א בעזוך אין פארפיומירטען שטעטעל גראס.—ווי די פארפיומען ווערען געמאכט.—די ראל פון פארפיום אין לעבען

דאס פראנצויזישע שטעטעל גראס איז בעריהמט מיט איהר פארפיום-אינ-דוסטריע. ...

...

„קורישער אילוסטראוואני“ שרייבט זיך מיט צרת רבים...

— פס.

# א קאפעלע הומאר

ווערטלעך און שטעכווערטלעך

## פערדינט די שטראף.

א סטודענט איז אויסגעשלאסען געווארען פון דער אפיצירען-שולע דערפאר, וואס ער האט חתונה געהאט.

זעהר ריכטיג! איידער א מענש שטודירט, ווי אזוי צו האלטען מלחמות, טאר מ׳נישט חתונה האבען.

* * *

# שטרויס׳ס טאכטער נעמט א חתן פון דער צארישער פאמיליע

ער איז געווארען א קרוב פון דער רומענישער קעניגין מאריע און פון ענגלישען קעניגליכען הויף

נ י ו-י א ר ק. — דא איז פארגעקומען די חתונה צווישען א רוסישען אריסטא-קראט און אן אמעריקאנער יודישער טאכטער, וועלכע איז אויך אן אריסטא-קראטקע, זאל זיין נישט מיט איהר יחוס, און מיט איהר געלד, ווייל איהר טאטע איז א יוד א נגיד, ער איז א פרע-זידענט פון א סך אונטערנעהמונגען, ...

די יאהרען אונז יודען. מערי איז א שוועגערין צו קיריל׳ען.

און דורך דער ראמאנאוו-פאמיליע פערבינדט זיך דער יוד שטרויס מיט די קעניגליכע פאמיליען פון גאנץ אייראפע, וואו עס זענען נאך דערהאלטען פער-האן מאנארכיען. ...

געוועזן בײ דער חתונה און וואס מען האט נישט געמאכט פון דעם פיין ווע-זען. עס ווערט אנגעגעבען, אז שטרויס איז קראנק און דערפאר איז די הערראט אראפ אזוי שטיל. אבער עס קאן זיין, אז דאס איז א מין „דיפלאמאטישע“ קרענק. ...

...

(ענדע זייט 6)

